# לאמור למלאך המשחית הרף

בס"ד

## דברות קודש מלהבות אש מכ"ק מרן אדמו"ר מסקולען שליט"א

שאמר בתוך הדברי תורה בעת סעודת ברית מילה אצל אחד ממקורביו ביום ד' אדר העעל"ט

"די ביטערע מחלה רח"ל וואס הערשט ליידער היינטיגע צייטן אויף דער וועלט, וויפיל יתומים און יתומות דרייען זיך ליידער ארום אדאנק די ביטערע מחלה. אזא מגיפה איז נאך קיינמאל נישט געווען. אין אלע צייטן ווען עס האט זיך אמאל געטראפן א מגיפה רח"ל איז דאס געווען מערסטנס אויף איין שטאט, און עס האט אנגעהאלטן נאר א געוויסע צייט, מערסטנס א יאר, און די מחלה גייט שוין אן ל"ע מערערע יארן און נישט נאר אויף איין פלאץ נאר ליידער אויף די גאנצע וועלט. טויזנטער מענטשן ליידן ליידער פון דעם, איך אליין הער ליידער כמעט יעדן טאג פון א נייעם פאל רח"ל. אזא מגיפה איז נאך נישט געווען זייט בריאת העולם.

**און מען זאל זיך נישט באגנוגען אז מען האט עס נישט אליין, נאר אויב מען ווייסט אז א צווייטער האט עס דארף מען זען משפיע זיין אויף עם אז ער זאל עס ארויסווארפן.**

## מענטשן פרעגן: וואס איז די סיבה פון דעם?? על מה עשה ה' ככה??

רש"י אין פרשת נח (בראשית ו' י"ג) איז מגלה דעם סוד, רש"י זאגט:

**"כל מקום שאתה מוצא זנות אנדרלמוסיא באה לעולם והורגת טובים ורעים",**

דארט וואו עס געפינט זיך אפקערונג, קומט א צומישעניש אויף דער וועלט און עס הרג'ט די גוטע און שלעכטע" (ח"ו).

עס געפינען זיך ליידער אין אידישע שטיבער פארשידענע תועבות, ווי

**✦ דער קאמפיוטער און אלערליי מאגאזינען, ✦**

און דאס צינדט ליידער אן דעם פייער וועלכן מיר דארפן פארלעשן.

## די זאכן טארן זיך נישט געפינען אין א אידישע שטוב.

און מען זאל זיך נישט באגנוגען אז מען האט עס נישט אליין, נאר אויב מען ווייסט אז א צווייטער האט עס דארף מען זען משפיע זיין אויף עם אז ער זאל עס ארויסווארפן.

עכל"ק